בס"ד

בהעלותך תשפ"ו

גליון 284

# דעם רבינ'ס ליכט



## דער רייינער קוואל

אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלַאר.

אַשְׁרֵינוּ אַשְׁרֵינוּ, יֶעדֶער אִיד וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען, הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ נַייעֶ תּוֹרָה, אַ פְרִישֶׁע הִתְחַדְשׁוּת. יֶעצְט דַארְף מֶען עֶס אוֹיסְלֵייגְן אוֹיף קְלֵיין גֶעלְט!

אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר הָאט אַמָאל גֶעגֶעבְּן פַאר אֵיינֶעם אַ גְרוֹיסְן טְשֶׁעק פוּן הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלַאר. דֶער אִיד וָואס הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם טְשֶׁעק הָאט גֶעוָואלְט גֵיין קוֹיפְן אַ בְּרוֹיט מִיט אַ מִילְך אִין גֶעשֶׁעפְט, עֶר גֵייט צוּ צוּ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס רֶעכְנְט אוּן גִיבְּט אִים דֶעם טְשֶׁעק, "וָואס קֶען אִיךְ טוּן מִיט אַזַא טְשֶׁעק?" פְרֶעגְט דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּנֶעם גֶעשֶׁעפְט, "נָא, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? נָאר דָאס הָאבּ אִיךְ אִין מַיין טַאשׁ! דוּ וֵוייסְט? עֶס אִיז גָאר אַסַאךְ גֶעלְט!"



דֶער בַּעַל הַבַּיִת וַוייזְט אִים אַנְטְקֶעגְן אִיבֶּער דֶער גַאס גֶעפִינְט זִיךְ אֵיינֶער וָואס טוֹישְׁט אַלֶע סָארְטְן גֶעלְט, מְזֻמָּן, טְשֶׁעקְס א.ד.ג. פוּן גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער אוֹיף קְלֶענֶערֶע מַטְבֵּעוֹת. "גֵיי אַרִיבֶּער דִי גַאס אִין יֶענֶעם גֶעשֶׁעפְטְל אוּן טוֹישׁ עֶס אוֹיף", זָאגְט אִים דֶער גֶעשֶׁעפְסְטְמַאן.

מִיר הָאבְּן אוֹיךְ דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגֶע גֶעוַואלְדִיגֶע תּוֹרָה, מִיט זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוּן דְרַייצְן עֵצוֹת – מִצְוֹת, מִיט נָאךְ גָאר אַסַאךְ מִצְוֹת דְרַבָּנָן, עִנְיָנִים מִיט סוֹדוֹת אָן אַ שִׁיעוּר, טְעָמִים מִיט מִנְהָגִים בְּלִי סוֹף. יֶעצְט קִינְדֶערְלֶעךְ דַארְף מֶען עֶס אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ כֵּלִי. אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס קוּמְט אָן צוּם גְרוֹיסְן יַם, קֶען עֶר נִישְׁט כַאפְּן אַ טְרִינְק וַואסֶער אוֹיבּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גְלָאז וִוי אַרַיינְצוּטוּן דָאס וַואסֶער אוּן מַאכְן אַ שֶׁהַכֹּל, אֲפִילוּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט אִיבֶּערְגֶענוּג וַואסֶער פַאר זַיינֶע אִיר אִיר אֵיינִיקְלֶעךְ. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דִי תּוֹרָה צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ יַם, קֶען מֶען נִישְׁט אֵיינְשְׁלִינְגֶען אַלֶע מִצְוֹות אוֹיף אֵיין מָאל, מֶען נֶעמְט עֶס אַרַיין צוּבִּיסְלֶעךְ, אַבִּיסֶעלֶע אוּן נָאךְ אַבִּיסֶעלֶע, יֶעדְן טָאג נָאךְ אַבִּיסְל תּוֹרָה, נָאךְ אַ מִינוּט הִתְבּוֹדְדוּת, נָאךְ עֶטְלִיכֶע גוּטֶע זַאכְן, דוּרְךְ דִי פָּשׁוּטֶ'ע מִצְוֹות וָואס מִיר זֶענֶען מְקַיֵּים יֶעדְן טָאג.

גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי וַואשְׁט מֶען זִיךְ נֶעגְל וַואסֶער, מֶען טוּט אָן צִיצִית, א.א.וו. דוּרְכְאוֹיס דֶעם טָאג מַאכְט מֶען פִיל מִצְוֹות, חֶסֶד, אֱמוּנָה, כִּבּוּד אָב וָאֵם, לֶערְנֶען תּוֹרָה, גוּטֶע מִדּוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מִיר דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען צוּצוּלֵייגְן דִי שִׂמְחָה פוּן דִי מִצְוֹות, דָאס דַארְף אוּנְז בַּאגְלֵייטְן אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר. מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ שָׁבוּעוֹת אַז מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַ נַייעֶ תּוֹרָה, אָבֶּער חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיפְן פָּסוּק 'אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט דִי תּוֹרָה פוּן דָאסְנַיי, 'יֶעדְן טָאג'.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער גְרוֹיסֶער מַעֲמַד הַר סִינַי אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער גְרוֹיסֶער גֶעשֶׁעֶנִיש וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען שָׁבוּעוֹת, אָבֶּער מִיר מַאכְן יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי אַ בְּרָכָה, 'אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ... בָּרוּךְ אַתָּה ה' "נוֹתֵן" הַתּוֹרָה'. עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט "נָתַן – גֶעגֶעבְּן" נָאר נוֹתֵן – עֶר גִיבְּט אוּנְז

יֶעדְן טָאג אַ נַייעֶ תּוֹרָה, אַ פְרִישֶׁע בְּחִירָה צוּ אוֹיסְזְוועלְן די תּוֹרָה.

דָאס אִיז די שִׂמְחָה וָואס מִיר הָאבְּן אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין גּוֹיִם, אוּנְז הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְגֶעוֶועלְט פוּן אַלֶע, אַלֶע, פֶעלְקֶער, מִיר זֶענֶען אִידְן מַאֲמִינִים בְּנֵי מַאֲמִינִים, מִיר טוּעֶן די מִצְווֹת וָואס מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן זֶעט עֶס אוֹיס קְלֵיין, אָבֶּער וֶוען מִיר גֵייעֶן אַרוֹיס בַּיינַאכְט אִין גַאס אוּן מֶען זֶעט די שְׁטֶערְנְס אוֹיף דֶער הִימְל, אוֹיבּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ שְׁטָאק-פִינְסְטֶערְן אָרְט קֶען מֶען זֶעט מִילְיָאנֶען קְלֵיינֶע שְׁטֶערְנְס, זֵיי קוּקְן אוֹיס ווי קְלֵיינֶע פִינְטְלֶעך, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז יֶעדֶער שְׁטֶערְן גֶעוָואלְדִיג גְרוֹיס, מֶען זִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט אוֹיסְמָאלְן די גְרוֹיסְקַייט דֶערְפוּן.

אוּנְזֶערֶע קְלֵיינְטְשִׁיקֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, די מִצְוָוה'לֶעך וָואס מִיר טוּעֶן, זֶעט אוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט זֵייעֶר פִּיצְל, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז יֶעדֶע מִצְוָה אַ עוֹלָם מָלֵא, טוֹיזְנְטֶער מַלְאָכִים זֶענֶען אוּנְז מְקַנֵּא, אַזוֹי ווי מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט אִין אַקְדָּמוּת, אַז די מַלְאָכִים וַוארְטְן אֵיינְמָאל אִין זִיבְּן יָאר צוּ זָאגְן קָדוֹשׁ, קָדוֹשׁ, קָדוֹשׁ, אוּן וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט נִישְׁט הָאבְּנְדִיג מֶער די זְכִיָּה צוּ נָאכְאַמָאל שְׁטֵיין פַאר'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער שְׁטֵייעֶן יֶעדְן טָאג בַּיי שַׁחֲרִית, מִנְחָה, אוּן מִיר זָאגְן קָדוֹשׁ, קָדוֹשׁ, קָדוֹשׁ. ווַייל דֶער עִיקָר נַחַת רוּחַ פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אִיז נִישְׁט פוּן מַלְאָכִים, נָאר פוּן אוּנְז מֶענְטְשֶׁעלֶעך וָואס זֶענֶען גֶעמַאכְט פוּן פְלֵייש מִיט בֵּיינֶער, מִיט אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרָע. אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין תּוֹרָה מ"ט תִּנְיָנָא,

וְהוּא מַעְלָה גְּדוֹלָה, כְּשֶׁיֵּשׁ עֲדַיִן יֵצֶר הָרָע לְהָאָדָם... וְאִם אֵין יֵצֶר הָרָע לְהָאָדָם, אֵין עֲבוֹדָתוֹ שְׁלֵמָה כְּלָל! בִּפְרָט קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס חֲזַ"ל זָאגְן דֶער פָּסוּק מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז (תְּהִלִּים ח'), אַז פוּן דָאס מוֹיל פוּן די קְלֵיינֶע קִינְדֶער, די תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן אִין זֵייעֶר זְכוּת שְׁטֵייט די וֶועלְט, דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוּן אָנְהַאלְטְן אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר די שִׂמְחָה.

אִינְמִיטְן די וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה בְּהַעֲלֹתְךָ אֶת הַנֵּרוֹת, פַארְצֵיילְט די תּוֹרָה וֶועגְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל וָועלְכֶע זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִדְבָּר פֶערְצִיג טֶעג, בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית הָאבְּן זֵיי מַקְרִיב גֶעוֶוען אַ קָרְבָּן פֶּסַח. עֶס זֶענֶען אָבֶּער גֶעוֶוען אֵיינְצֶעלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוָוארְן טָמֵא פַאר אַ מֵת מִצְוָה, זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּם מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, אַלֶע אִידְן זֶענֶען גֶעוָוארְן טָהוֹר דוּרְךְ די אֵפֶר הַפָּרָה, אוּן הָאבְּן מַקְרִיב גֶעוֶוען דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח, אַזַא מַתָּנָה! אָבֶּער מִיר הָאבְּן לַיידֶער נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען, זַייעֶנְדִיג פַארְנוּמֶען מִיט אַן אַנְדֶערֶע מִצְוָה, אַ מֵת מִצְוָה, לָמָּה נִגָּרַע?! פַארְוָואס זָאלְן מִיר נִישְׁט הָאבְּן די זְכִיָּה?!

פְרֶעגְט ר' נָתָן אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁאֵלָה, וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן לָמָּה נִגָּרַע, דוּ בִּיסְט דָאךְ גֶעוֶוען טָמֵא, אוּן פֶּסַח אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער, וָואס קֶען מֶען יֶעצְט טוּן?! זֵיי הָאבְּן אָבֶּער גֶעווּאוּסְט דֶעם סוֹד פוּן "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל!" אֲפִילוּ מֶען אִיז טָמֵא, אוֹיבּ מֶען בֶּענְקְט, מֶען ווִיל אוּן מֶען הָאפְט, אוּן מֶען ווִיל נָאכְאַמָאל, מֶען גֵייט צוּם רֶבִּי'ן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, מִיט אַ הַכְנָעָה אוּן אַ גֶעבֶּעט, לָמָּה נִגָּרַע?!

זָאגְט ר' נָתָן דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, מִיר אַלֶע ווִילְן זַיין רֵיין אוּן מַקְרִיב זַיין קָרְבַּן ה', דָאס מֵיינְט דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן כְּסֵדֶר בִּקְדֻשָּׁה מִיט אַ שִׂמְחָה, מִיט אַ רֵיינְקֵייט, אַזוֹי ווי אַלֶע צַדִּיקִים, אָבֶּער לַיידֶער הָאבְּן מִיר זִיךְ פַארְשְׁמִירְט, גֶעוָוארְן שְׁמוּצִיג, אָבֶּער אִיךְ ווִיל אוֹיךְ!! אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין עֶרְלִיךְ!

קוּמְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן זָאגְט: "עֶס אִיז דָא אִידְן וָואס ווִילְן פָּארְט, אֲפִילוּ עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי וָואס אִיז נֶעבֶּעך אַרִיבֶּער!" זָאגְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי?! זֵיי זֶענֶען זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, זֵיי ווִילְן נָאךְ, הָאבְּן זֵיי גְלַייךְ בַּאקוּמֶען אַ נַייעֶ מִצְוָה וָואס הֵייסְט 'פֶּסַח שֵׁנִי'.

די קְרִיאָה וָואס מֶען לֵיינְט וֶועגְן דֶעם אִין די פַּרְשָׁה וֶועט מְעוֹרֵר זַיין דֶעם זְמַן אוּן בְּכֹחַ די צַדִּיקִים וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען די לִיכְטִיגְקַייט פוּן די תּוֹרָה מִיט אִירֶע עֵצוֹת אוּן בְּקָרוֹב וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ די גְּאוּלָּה שְׁלֵמָה אָמֵן וְאָמֵן




**אונטערוועגנס.** די חשוב'ע ליינער האבן זיך באקענט מיט רבי נתנ'ס געשיכטע וואס איז פארלאפן ווען רבי נתן איז געווען אונטערוועגנס. ר' נתן איז אסאך צייט פון זיין לעבן געווען אונטערוועגנס צו פארן צום רבי'ן, און שפעטער צו די חסידים, אזוי אויך צו שאפן געלט צו דרוקן די ספרים. ס'איז נישט צום פארשטיין ווי רבי נתן האט אונטערוועגנס, געהאט דעם ישוב הדעת צו שרייבן דעם אוצר הספרים. ס'איז נישט ווי ער האט געהאט א מכון מיט אן איינגעריכטענעם אפיס מיט ארבעטער וואס האבן אים צוגעהאלפן ארויסצוגעבן די אלע ספרים. רבי נתן אליין, אונטערוועגנס, האט מיט א געוואלדיגע סיעתא דשמיא זוכה געווען ארויסצוגעבן די אלע אוצרות וואס מיר פארמאגן היינט.

דורכאויס רוב פון פארלאפענעם יאר, זענען מיר אריבערגעגאנגען דעם ערשטן יאר פון רבי נתנ'ס התקרבות. אצינד, ווען מיר שליסן יאר תקס"ג, וועלן בעזר השם ברענגען א קורצן איבערבליק פונעם גאנצן יאר:

רבי נתן איז געשטיגן אין תורה ועבודה אויף אן אויסטערלישע פארנעם וואס איז נישט געווען זיינ'ס גליכן, אבער פארט האט אים שטענדיג באגלייט א נוגנדע געפיל אז ער איז נאכנישט אנגעקומען צום שלימות. עפעס פעלט אין זיין עבודה, וואס ער וויל משלים זיין, אבער ער האט נישט דעם מושג דערצו. ער איז געשטיגן און געפאלן און געהאט גרויס עגמת נפש.

מיט די צייט האט ער זיך באקענט מיט די תלמידי בעל שם אין יענע צייט, און ער האט אנגעהויבן צו פארן צו זיי. טראץ דעם וואס ער איז אויפגעוואקסן אין א מתנגד'ישע אטמאספער, האט אים זייער געצויגן די חסידיש'ע דרך אין עבודת השם. זיין שטורעמישע נשמה האט זיך עטוואס בארואיגט, אבער ער האט נאך געשפירט ווייט פון באפרידיגט. ער האט געדאווענט מיט מער כח, געלערנט מיט מער התמדה, ער האט שוין געפונען די ליכטיגקייט פון חסידות אבער ער איז נאכאלץ נישט רואיג געווען מיט זיך. ער האט געשפירט אז ער איז נאכנישט צוגעקומען צו די מדריגה אין תורה און תפילה ווי עס באדארף צו זיין.

איין מוצאי שבת, גייענדיג אין גאס פארצווייפלט איבער זיינע ירידות, איז ער אריינגעפאלן אין א שול. ער האט זיך געזעצט תהילים זאגן מיט ביטערע בכיות ביז ער איז אנטשלאפן געווארן, ווען ער האט געהאט א מיסטעריעזע חלום:

רבי נתן האט געזען ווי ער שטייט פאר א הויכן לייטער. ער קלעטערט אויפן לייטער אבער פאלט כסדר. ווי העכער ער האט געקלעטערט, אלץ טיפער איז געווען זיין טראסקען אויף אראפ. א אינגערמאן האט זיך באוויזן אויף שפיץ לייטער און אים געמוטיגט: "דראפע זיך און דערהאלט זיך?"

רבי נתן האט זיך ערוועקט אינגאנצן צעשטורעמט פון דעם מערקווירדיגע חלום.

ווער איז עס דער איד?
רבי נתן האט נישט געוואוסט. אבער פארט האבן אים די ווערטער זייע געמוטיגט. ער האט זיך אויפגעשטעלט און פארלאזט דעם שול.
אינצווישן האט דער רבי זיך אריבערגעצויגן קיין ברסלב. אין יענע צייט האט רבי נתן געוואוינט אין נעמירוב, וואס איז ממש נאנט צו ברסלב, בלויז עטליכע שעה צו פארן מיט א פערד און וואגן. די חסידיש'ע אינגעלייט פון נעמירוב האבן אנגעהויבן צו פארן צום רבי'ן, און רבי נתן האט באמערקט אויף זיי א געוויסע חיות וואס ער האט נאכנישט געזען ביי א צווייטן. רבי נתן איז מחליט צו קומען קיין ברסלב א קוק טון אויף דעם צדיק פון וועמען די שטאטסלייט רעדן מיט אזויפיל אייפער.
א' סליחות תקס"ב איז געווען דעם היסטארישן טאג, ווען רבי נתן מיט זיין חבר, רבי נפתלי, האבן זיך ארויסגעלאזט קיין ברסלב צום ערשטן מאל!
ווי נאר רבי נתן איז צוגעטראטן אל הקודש פנימה, אפצונעמען שלום פון הייליגן רבי'ן, איז ער ממש דערציטערט פון די ליכטיגע צורה וואס עס האט זיך אים אנטפלעקט. גלייך האט ער אים דערקענט. ס'איז געווען דער אינגערמאן וואס ער האט געזען אין חלום. דער רבי האט זיי ווארעם אויפגענומען.
"אצינד בין איך שוין נישט עלענד אליין," האט דער רבי זיך אויסגעדרוקט. "מיר קענען זיך שוין פון לאנג נאר מיר האבן זיך שוין א צייט נישט געזען!"
ענדליך האט רבי נתן געשפירט אז זיין רוישיגע הארץ קילט זיך עטוואס אפ. ער האט שוין געפונען דאס וואס זיין נשמה האט אזוי באגערט. פון די ערשטע מינוט האט רבי נתן באקומען דעם געפיל אז דא איז דאס ארט וואו ער וועט קענען טרעפן א מנוחה פאר זיין נשמה.
ראש השנה תקס"ג, איז געווען דעם ערשטן ראש השנה וואס רבי נתן האט געוויילט ביים רבי'ן. ראש השנה איז יענעם יאר אויסגעקומען אויף א זונטאג נאכט. מוצאי ראש השנה האט רבי נתן זיך נישט געקענט געזעגענען און ער בלייבט שוין אויף שבת שובה. אבער אויך נאך שבת קען ער זיך נישט געגוג אנזעטיגן זיין דארשט צו הנעכערקייט און ער בלייבט ביז נאך יום כיפור. אויך נאך יום כיפור וויל ער זיך נישט געזעגענען אבער ער האט פארשטאנען אז ער מוז שוין אהיימגיין.
רבי נתן קומט אהיים מיט א פרישע חיות און לעבהאפט. ביי יעדע געלעגנהייט כאפט ער זיך אריבער קיין ברסלב צום רבי'ן. דער רבי איז אים מדריך אין עבודת השם. ער שטעלט אים אויס א געפאקטן סדר הלימוד; צוויי טעג אין זיין לעבן זאל ער זיין וואך אזוי אויך זאל ער אויפגעבן די געשעפטן און ווידמען זיין צייט פאר תורה ותפילה.
רבי נתן איז אין יענע צייט שוין געווען חתונה געהאט פאר כמעט צען יאר, אבער ער האט ליידער נאכנישט זוכה געווען צו זרע של קיימא. די קינדער האבן זיך נישט געהאלטן ביי אים ה"י. דער רבי בעט אים א פדיון און געבט אים א ברכה. ראש חודש כסלו איז ביים רבי נתן אין שטוב ליכטיג געווארן, ווען ער האט זוכה געווען צו האלטן א בן זכר!
שבת חנוכה האט רבי נתן געוויילט ביים רבי'ן, ווי דער מנהג. נאך שבת חנוכה האט דער רבי אפיציעל אויפגענומען רבי נתן צו שרייבן זיינע תורות. רבי נתן פלעגט זיך פארשרייבן פאר זיך אליין דעם רבי'נס ליכטיגע תורות, אבער אצינד איז עס געווארן אפיציעל ווען דער רבי האט אים מדריך געווען וואס און ווי אזוי צו שרייבן. און דער רבי איז זייער צופרידן געווען פון זיין ארבעט, רבי נתן איז געווען די איינציגסטע וואס האט אזוי גוט פארשטאנען דעם רבי'נס כוונות און דאס געקענט אראפברענגען אפילו פאר די

פשוטי־עם צו לערנען.

נאך ראש השנה ווען דער רבי האט געערדט פון התבודדות, האט רבי נתן אנגעהויבן צו מאכן התבודדות, אבער אינמיטן ווינטער האט דער רבי געהאט מיט רבי נתן א לאנגע שמועס אריינגעפלאכטן מיט א וואונדערליכע תורה איבער התבודדות. רבי נתן איז אזוי באגייסטערט געווארן, אז ער האט אויסגעשריגן: "געוואלד! לאמיר לויפן איבער די גאסן און מארקן און שרייען: 'געוואלד! וואס טראכט איר אלע? וואס וועט זיין מיט אייערע נשמות'?!"

דער רבי האט אים אבער אנגעכאפט ביי זיינע קליידער אים אפצוהאלטן און האט אים געזאגט: "שטיי, וועסט נישט פועל'ן. זיי וועלן דיר נישט הערן!..."

אינמיטן ווינטער איז דער רבי פאררייזט געווארן ווי זיין מנהג צו זיין צוויי שבתים אין יאר ביי די חסידים. רבי נתן איז נאכגעפארן דעם רבי'ן און איז אנגעקומען קיין טראוויצע פונקט אין צייט פורים אינדערפרי. ער איז שוין געבליבן אין טראוויצע ביז נאך פסח.

ראש חודש ניסן האט דער רבי געפירט אונטער די חופה זיין טאכטער, הרבנית הצדיקת שרה'קע אין שטאט מעדוועדיווקע. רבי נתן שילדערט די הייליגע טאנץ וואס דער רבי האט אפגעראכטן.

די תפלות מעריב האט מען געדאווענט אין אכסניא פון רבי'ן אין אינווייניגסטע צימער. אזויווי רבי נתן האט זיך פארזוימט מיט'ן שמונה עשרה פון מעריב, איז ער ארויס פונעם צימער וואו מען האט געדאווענט, ווען דער רבי איז שוין געזעסן אויף זיין ארט און געפירט דעם סדר. אזוי ארום האט רבי נתן זוכה געווען צו כאפן א בליק אויפ'ן רבי'ן זייענדיג אין מעדוועדיווקע, איז דאס געווען פאר אים אן איינמאליגע געלעגנהייט צו זיין ביים רבי'ן אויף פסח, נאך וואס דער רבי האט געהאט א מנהג צו אפרעכטן דעם סדר נאר מיט זיין בני בית און די חסידים. א גאנץ לעבן האט זיך ר' נתן זיך געפרייט דערמיט.

די ימי הספירה גייען אריבער אויף רבי נתן ווי א ברסלב'ער חסיד. די ספירות ווערן געזאגט מיט גרויס צעקות און ברען. און אט האלט מען שוין ביי ערב שבועות. רבי נתן האט זיך צאמגענומען מיט די אנדערע חסידים און איז געפארן קיין ברסלב צו פראווען דעם געהויבענעם מתן תורה מיט'ן הייליגן רבי'ן. דאס איז געווען פאר רבי נתן זיין ערשטן שבועות אלס ברסלב'ער. אבער דער רבי האט פארשטאנען אז ער דארף אהיימפארן ווייל פורים און פסח איז ער נישט געווען אינדערהיים. נאך שבועות האט דער רבי אביערגעזאגט די צוויי תורות און רבי נתן האט דאס פארשריבן.

רבי נתן האט געהאט אויסצושטיין התנגדות קעגן זיין דרך. איבערהויפט אז ער ברענגט נישט קיין פרנסה. אבער רבי נתן האלט זיך שטארק מיט דעם אמת. צום סוף האט מען אויסגעהאמערט א פלאן אז רבי נתן זאל זיין א געלט־שיתוף אין די געשעפטן און דער טאטע וועט צוגעבן אביסל צום געהאלט. אזוי האט רבי נתן זיך געקענט מפרנס זיין פאר פופצן יאר אומגעשטערט.

יענעם זומער איז געווארן שווערע צייטן אויפ'ן רבי'ן. דער רבי האט שוין געהאט מתנגדים פון פריער, אבער נישט געפערליך. אבער דורכאויס יענעם זומער, האט זיך אנגעהויבן די מחלוקה מיט'ן הייליגער פעטער פון רבי'ן, רבי ברוכ'ל מעזיבוזשער זצוק"ל.

יענעם זומער איז פארגעקומען א היסטארישע דורכברוך, ווען דער רבי האט אנגעהויבן איבערצוגעבן דעם ספר המידות פאר רבי נתן צו באשרייבן.

מיט דעם האט זיך געשלאסן יאר תקס"ג.

# פלאמען אויף קאלטן אייז




בעזר השם, האבן מיר אנגעהויבן א נייע פארזעצונג פון דעם אלעמענ'ס באקאנטן ברסלב'ער חסיד, הרהח" ר' יחיאל מעכיל דארפמאן זצ"ל, צו שילדערן איבער זיין העלדישע געשיכטע וואס איז אים פארלאפן זייענדיג אין גלות רוסלאנד אונטער די פארשאלטענע קאמוניסטן.

ר' מִיכְל, ווי מען האט אים גערופן, איז געווען פון די געציילטע אידן אין רוסלאנד, וועלכע האבן זיך ארויסגעדראפעט פון די רוסישע אייז אזוי שפעט ווי תשנ"ז, גאנץ מיט זיין אמונה.

מיר האבן זיך פארבונדן מיט זיין תלמיד נאמן, הרה"ח ר' נתן מיימון שליט"א, וועלכער האט זוכה געווען אים צו משמש זיין ביז צו זיין לעצטן טאג, צו הערן פון אים ערשט האנטיג די געשיכטע.

א גוט'ן ר' נתן, וואס קענט איר אונז מיטטיילן פון ר' מעכיל'ס רייכע לעבנס געשיכטע?

"ר' מעכיל איז געווען א פלאם פייערדיגע חסיד וואס האט געברענט פאר'ן אויבערשטן. איך האב זיך באקענט מיט אים ווען ער איז געקומען קיין אמעריקע צו שתדל'ן ביים דעמאלטסדיגן אמעריקאנער פרעזידענט, אז ער זאל זיך ווענדן צו די רוסישע רעגירונג, אז ווען זיי בויען די הויכע בנינים אין אומאן, זאלן זיי נישט צורירן דעם ציון פון רבי'ן, אזוי ווי זיי האבן געפלאנט.

בשעת מיר האבן געארבעט אינאיינעם, בין איך געווארן זייער נאנט מיט אים און שפעטער ווען מיין חשוב'ער שווער, רבי צבי ארי' ראזענפעלד ז"ל איז נפטר געווארן, האב איך אים אנגענומען אלס מיין משפיע. איך פלעג אנקלינגען צו ר' מעכיל פון אמעריקע קיין ארץ ישראל און פארפירן מיט אים לאנגע שמועסן פון דברי אמונה און הדרכה אין עבודת השם. שפעטער ווען איך האב זיך אריבערגעצויגן קיין ארץ ישראל, בין איך געווען זיין פערזענליכער גבאי ביז צו זיין לעצטן טאג. די געשיכטע פון ר' מעכיל האב איך געהערט צווישן די שורות ביי אונזערע שמועסן."

אין קורצן פון פריער:

*ר' מעכיל איז געבוירן אין די שטאט טשעמראוויטש צו זיין חשוב'ער פאטער רבי יהושע דוד ז"ל. ער איז געווען דער צווייטער רב און איז פארערכנט געווען פון די בני חשובים פון שטאט. ער איז געווען ממונה איבער די שוחטים אבער האט נישט געוואלט נעמען געהאלט פון זיי כדי צו קענען זיין פריי צו פסק'ענען לויט די הלכה. ערב יום כיפור איז א איד געקומען צו אים אין שטוב פרעגן א שאלה. ער באמערקט ווי די משפחה פאסטן איין אויף פארשימלטע ברויט. ער מאכט א ויצעקו, און די בני הקהלה נעמען אויף זיך אים צו געבן זיין געהאלט. ר' מעכיל האט דערציילט אז זינט דאן האט זיך זייער מצב פארבעסערט. נישט אז ס'איז געווען עשירות, אבער א ריין שטיקל ברויט האט מען זיך געקענט ערלויבן.*

*אינד ליינט ווייטער:*

## א מאמע בלייבט א מאמע

דאס קליינער מעכיל איז געוואקסן אריינאטעמנדיג ריינע לופט פון תורה און יראת שמים. זיין מאמע,



האשה החשובה פערל ע"ה איז באקאנט געווען אין שטאט אלס אן אשה צנועה און גרויסע צדיקת. ס'איז נישט קיין וואונדער אז פון איר איז ארויסגעקומען אזא חשוב'ער זון. זי פלעגט פיל מתפלל זיין און פארגיסן טרערן פאר אירע קינדער.

ליידער האט מעכיל נישט געהאט קיין גרינגע יוגנט. זיין חשוב'ע מאמע איז זייער נישט געזונט געווען. ר' מעכיל האט איר שטענדיג געדענקט נאר מיט זכרונות פון יסורים און קרענק. טראץ דעם אלעם האט זי זיך געשטארקט צו געבן פאר די קינדער וואס זי קען. אבער געקומען איז די מינוט וואס אויך די גוטע צייטן האבן זיך געענדיגט, ווען די מאמע האט געענדיגט אירע יארן אויף דעם עולם, איבערלאזנדיג א שטוב מיט קליינע קינדער ה"י.

דער קליינער מעכיל איז געבליבן א יונגער יתום ל"ע.

דער טאטע האט אנגענומען דאס ראלע פון טאטע/ מאמע און זיך געטריי אפגעגעבן מיט די קינדער פרובירנדיג אנצופילן דעם חלל, איבערהויפט האט ער זיך אפגעגעבן מיט זייער רוחניות, אז זיי זאלן שטייגן אין תורה ויראת שמים.

## לימוד התורה פון פריעסטן יוגנט

ס'איז דריי אזייגער פארטאגס. אינדרויסן הערשט א פינסטערניש. די קינדער אין שטוב זענען פארזונקען אין א טיפן שלאף, איבערגעדעקט מיט'ן דאכענע ביז איבער די אויערן, זיך צו באשיצן פון די פראסטן וואס האבן אריינגעדרונגען פון צווישן די שפאלטנס פון פענסטער.

אבער נישט פאר צו לאנג. ביי משפחת דארפמאן הויבט זיך אן א געפולדער. דער טאטע גייט איבער די בעטן און ערוועקט די קינדערלעך צו עבודת השם.

"קינדער, ס'איז שוין צייט אויפצושטיין..."

די קינדער ציען אראפ די דאכענע און שטעקן ארויס די פיס פון בעט מיט א שמחה של מצוה. זיי וויסן אז אינדרויסן ביים טיש ווארט זיי אפ--- נישט קיין הייסע קאווע מיט א ראגעלע, נאר דער טאטע מיט'ן גמרא! דער טאטע האט געלערנט מיט געשמאק און חיות וואס האט אריינגעברענגט אין די קינדער א זיסקייט אין לימוד התורה.

דריי אזייגער פארטאגס האט שוין מעכיל אנגעהויבן דעם טאג צו לערנען מיטן טאטן. אפגעלערנט, איז מען אינאיינעם געגאנגען אין מקוה. ניין, נישט אין א הייסע, אנגעווארעמטע מקוה, גרייט זיך איינצוטונקען. צוליב די ארימקייט אין שטאט, פלעגט מען אנווארעמען דעם מקוה נאר ליל שישי לכבוד שבת קודש און א גאנצע וואך האט מען זיך גע'טובל'ט אין אן אייז קאלטן מקוה.

ר' מעכיל פלעגט שילדערן דעם דינעם שיכט אייז וואס האט זיך געשאפן איבער'ן וואסער פון די רוסישע פרעסטן. נאר קוקנדיג אויף דעם, איז שוין געווען שווער זיך צו גרייטן צו די טבילה.

"דער טאטע האט אונז אויסגעלערנט אז ווען דער מקוה איז הייס דארף מען גיין שטאטעלעך זיך נישט אפצובריען אבער ווען דער מקוה איז קאלט דארף מען אריינשפרינגען מיט איינמאל און שנעל ארויסגיין..." פלעגט ר' מעכיל ארויפברענגען זיינע זכרונות.

ציינער האבן געטרייסלט פאר קעלט, אבער דער טאטע האט אריינגעלייגט אן התלהבות אין די קינדער אז זיי האבן נישט געהאט קיין ספיקות אויב מען זאל זיך יא אדער נישט זיך צו טובל'ען. יעדן פארטאגס פלעגט מען פון דאסניי אריינשפרונגען אינעם אייז קאלטן מקוה.

ביז צו זיין לעצטן טאג פלעגט ר' מעכיל האבן א ספעציעלן חביבות צו טבילות מקוה.

פארזעצונג קומט אי"ה

# ווער קען וועמען?

המשך פון די לעצטע זייט

מֵיין אַז יָא. סְ'אִיז דָא אַלֶע סָארְטְן קִינְדֶער וָואס קוּמֶען לֶערְנֶען... בֶּאֱמֶת וֵויס אִיךְ נִישְׁט, אִיךְ גְלֵייבּ אַז סְ'אִיז דָא... אָבֶער אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעזֶען."

שְׁמַעְיָ' הָאט אַ קוּק גֶעטוּן אוֹיף שְׁמֶעלְקֶע מִיט אַן אֵיידֶעלֶע שְׁמֵייכְל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט מִיט לִיבְשַׁאפְט: "אוּן וָואס אִיז מֶער חָשׁוּב, קְלֵיידוּנְג פוּן חוּץ לָאָרֶץ אָדֶער פְלַייסִיג לֶערְנֶען פַארְ'ן דַאוֶוענֶען? אַ בִּינְטְל שְׁלִיסְלֶעךְ אָדֶער מִשְׁנַיוֹת בַּעַל פֶּה?"

סְ'קוּקְט אוֹיס, שְׁמֶעלְקֶע, אַז אַמָאל נַארְן אוּנְז דִי אוֹיגְן אָפּ, אוּן מִיר הֵייבְּן אָן צוּ קוּקְן אוֹיף קְלֵיינֶע גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן כְּאִילוּ סְ'אִיז מֶער וֶוערְד וִוי גְרוֹיסֶע רוּחָנִיוּת'דִיגֶע עִנְיָנִים. מִיר דַארְפְן נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן אַ מֶענְטְשְ'נְס עֶכְטֶע וֶוערְט, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זַיינֶע נַארִישֶׁע גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע מַעֲשִׂים. פּוּנְקְט וִוי דֶער בַּעַל תְּפִילָה הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט - אַז מְ'זָאל נִישְׁט מֶעסְטְן אַ מֶענְטְשׁ לוֹיט זַיין גֶעלְט אוּן זַיינֶע מַלְבּוּשִׁים, נָאר לוֹיט זַיין דְבֵקוּת אִין בַּאשֶׁעפֶער אוּן לוֹיט זַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקַייט צוּ דִי מִצְווֹת.

# סיפורי מעשיות משנים קדמוניות




וַיְהִי הַיוֹם! אוּן סְ'גֶעוֶוען אַ 'מְדִינָה', וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען 'גְרוֹיס עֲשִׁירוּת' זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען 'עֲשִׁירִים'!

נָאר דָאס ['דֶרֶךְ' אוּן דָאס] 'פִירֶעכְץ' פוּן דֶער 'מְדִינָה', אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר ווִילְד [מָאדְנֶע] – וָוארְן סְ'הָאט זִיךְ בַּיי זֵיי אַלְץ גֶעפִירְט, וֶועדְלִיג [לוֹיט] דֶעם 'עֲשִׁירוּת'! – אִיטְלֶעכְנְס 'מַעֲלָה', אוּן אִיטְלֶעכְנְס 'כָּבוֹד', אִיז נָאר גֶעוֶוען וֶועדְלִיג [לוֹיט] זַיין 'עֲשִׁירוּת'! סְ'אִיז בַּיי זֵיי אוֹיסְגֶעזֶעצְט [בַּאשְׁטִימְט] גֶעוֶוען:

אַז דֶער וָואס עֶר הָאט זַיין אֵייגְנְס [אִין זַיין בַּאזִיץ], אַזוֹיפִיל 'אֲלָפִים' אָדֶער 'רְבָבוֹת' (פִיל טוֹיזְנְט 'גֶעלְט' – קוּמְט אִים דִי 'מַעֲלָה' אוּן דֶער 'כָּבוֹד'!

אוּן דֶער וָואס עֶר הָאט אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל 'גֶעלְט' – קוּמְט אִים אַ 'אַנְדֶערֶע מַעֲלָה'! אוּן אַזוֹי אַלֶע [אַנְדֶערֶע] 'מַעֲלוֹת' בַּיי זֵיי – אִיז אַלְץ גֶעוֶוען וֶועדְלִיג [לוֹיט] דֶעם 'גֶעלְט' וָואס אִיטְלֶעכֶער הָאט גֶעהַאט!

אוּן דֶער וָואס עֶר הָאט אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל 'אֲלָפִים וּרְבָבוֹת' [טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער-טוֹיזְנְטֶער], וִויאַזוֹי סְ'דָארְט בַּיי זֵיי אוֹיסְגֶעזֶעצְט [בַּאשְׁטִימְט] גֶעוֶוען – דֶער אִיז שׁוֹין אַ 'מֶלֶךְ'!

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט 'פָאנֶען'! אַז דֶער וָואס עֶר הָאט 'אַזוֹיפִיל [אוּן אַזוֹיפִיל] גֶעלְט' – אִיז עֶר אִין 'דֶער פָאן'! – אוּן סְ'קוּמְט אִים 'דִי [גֶעוִויסֶע] מַעֲלָה', אוּן 'דֶער [גֶעוִויסֶער] כָּבוֹד', אִין

׳דֶער פָּאן׳!

און דֶער וָואס עֶר הָאט ׳אַזוֹיפִּיל [און אַזוֹיפִּיל] גֶעלְט׳ – אִיז עֶר אִין אַ ׳אַנְדֶערֶע פָּאן׳! – און ס׳קוּמְט אִים דָארְט ׳דִי [גֶעווִיסֶע] מַעְלָה׳ אִין ׳יֶענֶער פָּאן׳! – אַלְץ וֶועדְלִיג [לוֹיט] זַיין ׳גֶעלְט׳!

און סֶע [ס׳אִיז] בַּיי זֵיי אוֹיף אַלֶעמֶען אוֹיסְגֶעזֶעצְט [בַּאשְׁטִימְט] גֶעוֶוען: – ווִיפִּיל ׳גֶעלְט׳ עֶר זָאל הָאבְּן, אַז עֶר זָאל הָאבְּן דִי [גֶעווִיסֶע] ׳מַעְלָה׳ אִין ׳דֶער פָּאן׳! – און ווִיפִּיל ׳גֶעלְט׳ עֶר זָאל הָאבְּן, אַז עֶר זָאל שׁוֹין זַיין אִין אַ ׳אַנְדֶערֶע פָּאן׳, און זָאל דָארְט עֶפֶּעס הָאבְּן אַ ׳מַעְלָה׳ און אַ ׳כָּבוֹד׳!

און אַזוֹי אִיטְלֶעכְנְס מֶענְטְשְׁנְ׳ס ׳כָּבוֹד׳, און גָאר זַיין ׳מַעְלָה׳ – אִיז אַלְץ גֶעוֶוען רַק וֶועדְלִיג [נָאר לוֹיט] זַיין ׳גֶעלְט׳ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט – אַזוֹי־ווִי בַּיי זֵיי אִיז אוֹיסְגֶעזֶעצְט [בַּאשְׁטִימְט] גֶעוֶוען, אוֹיף אִיטְלֶעכֶער ׳מַעְלָה׳ און ׳כָּבוֹד׳, ווִיפִּיל ׳גֶעלְט׳ עֶר בַּאדַארְף צוּ הָאבְּן!

און אַזוֹי [אוֹיךְ] אִיז בַּיי זֵיי אוֹיסְגֶעזֶעצְט [בַּאשְׁטִימְט] גֶעוֶוען: אַז [אוֹיבּ] עֶר הָאט נָאר ׳אַזוֹיפִּיל [און אַזוֹיפִּיל] גֶעלְט׳ – אִיז עֶר אַ ׳גְלַאטֶער [פְּשׁוּטֶ׳ער] מֶענְטְשׁ׳!

און אַז [אוֹיבּ] עֶר הָאט אָבֶער נָאךְ וֵוייניגֶער – אִיז עֶר שׁוֹין גָאר קַיין ׳מֶענְטְשׁ׳ נִישְׁט – נָאר עֶר אִיז אַ ׳חַיָה׳ אָדֶער אַ ׳עוֹף׳ (דְהַיְינוּ: דָאס אִיז נָאר אַ ׳חַיָה׳ וָואס הָאט אַ פָּנִים ווִי אַ ׳מֶענְטְשׁ׳)!

און סְ׳אִיז בַּיי זֵיי גֶעוֶוען [שְׁלֶעכְטֶע] ׳חַיוֹת׳ און ׳עוֹפוֹת׳! – דְהַיְינוּ: אַז עֶר הָאט נָאר ׳אַזוֹי אַבִּיסְל גֶעלְט׳ – אִיז דָאס [וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן] נָאר אַ ׳לֵייבּ׳ – דָאס אִיז אַ מֶענְטְשְׁלִיכֶער לֵייבּ! – און אַז עֶר הָאט נָאר ׳אַזוֹי אַבִּיסְל גֶעלְט׳ – אִיז עֶר נָאר אַ ׳עוֹף׳!

און אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט אַנְדֶערֶע [שְׁלֶעכְטֶע] ׳חַיוֹת׳ און ׳עוֹפוֹת׳! – וָוארְן דֶער וָואס עֶר הָאט ׳וֵויינִיג גֶעלְט׳ – דֶער אִיז גָאר קַיין ׳מֶענְטְשׁ׳ נִישְׁט בַּיי זֵיי, נָאר עֶר אִיז אַ ׳חַיָה׳ אָדֶער אַ ׳עוֹף׳! – וָוארְן בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר דָאס ׳גֶעלְט׳ גֶעוֶוען! – און דִי ׳מַעְלָה׳ און דֶער ׳כָּבוֹד׳ פוּן אִיטְלֶעכְן, אִיז נָאר [גֶעוֶוען] וֶועדְלִיג [לוֹיט] דֶעם ׳גֶעלְט׳!

הָאט מֶען גֶעהֶערְט אוֹיף דֶער ׳וֶועלְט׳: ״אַז ס׳אִיז פַארְהַאנְדְן [פַּארְהַאנֶען] אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳מְדִינָה׳״!

הָאט דֶער ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳, זֵייעֶר אַ ׳גְרוֹיסְן קֶרֶעכְץ׳ גֶעטָאן דֶערוֹיף! – און עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״וֶוער וֵוייסְט וואוּהִין דִי ׳דָאזִיגֶע׳ קֶענֶען פַארְגֵיין [פַּארְבְּלָאנְדְזֶענֶען; פַּארְקְרִיכְן דוּרְכְדֶעם]״?!

הָאבְּן זִיךְ גֶעפִינֶען ׳מֶענְטְשְׁן׳ פוּן ׳זַיינֶע לַייט׳ [פוּנֶעם ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳] – און הָאבְּן אִים גָאר קַיין דֵיעָה [מֵיינוּנְג] נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט – און זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, און זֶענֶען [אַהִין] גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] ׳מְדִינָה׳! – אַז זֵיי זָאלְן זֵיי אַרוֹיסְפִּירְן דֶערְפוּן [זֵיי צוּרִיקְקֶערְן צוּם גוּטְן]!

וָוארְן זֵיי (דְהַיְינוּ: דִי ׳לַייט׳ פוּן דֶעם ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳) – הָאבְּן ׳גְרוֹיס רַחֲמָנוּת׳ גֶעהַאט אוֹיף דֶער ׳מְדִינָה׳ – [אוֹיף] וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְפִירְט [פַּארְבְּלָאנְדְזֶעט] גֶעוָוארְן אִין דֶער ׳תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט׳ – און בִּפְרָט [אַז] דֶער ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳ הָאט גֶעזָאגְט: ״אַז זֵיי קֶענֶען נָאךְ ווַייטֶער פַארְפִירְט [מֶער פַארְבְּלָאנְדְזֶעט] וֶוערְן״!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] זֶענֶען דִי ׳לַייט׳ פוּן דֶעם ׳בַּעַל־תְּפִילָה׳ גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער ׳מְדִינָה׳! – טָאמֶער וֶועלְן זֵיי קֶענֶען אַרוֹיסְפִּירְן זֵיי, פוּן זֵייעֶרֶע ׳נַארִישְׁקַייט׳.

די [לַייט פוּן דער 'בַּעַל-תְּפִלָּה'] זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִין דער [אוֹיבֶּנְדֶערְמַאנְטֶער] 'מְדִינָה' אַרַיין! – און זיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען [צוּ אֵיינֶעם פוּן זיי]! – מִן-הַסְתָּם [זֶענֶען זיי אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען] צוּ אַ 'קְלֵיינֶעם מֶענְטְשְׁן' [וָואס עֶר הָאט 'וֵוייניג גֶעלְט'], וָואס 'דֶער' הֵייסְט בַּיי זיי אַ 'חַיָּה'!

און זיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִים צוּ שְׁמוּעֶסְן [אוֹיף זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער]: "בַּאֲשֶׁר אַז צוּם 'אֱמֶת', אִיז דָאס 'גֶעלְט' גָאר קֵיין 'תַּכְלִית' נִישְׁט! – און דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית', אִיז נָאר 'גָאט' צוּ דִינֶען וְכוּ'"!

און 'דֶער', הָאט זיי גָארְנִישְׁט צוּגֶעהֶערְט! – וָוארְן ס'אִיז שׁוֹין בַּיי זיי אַזוֹי אַיינְגֶעוָוארְצְלְט גֶעוֶוען אִין דֶער 'דֵיעָה' [מֵיינוּנְג]: "אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר דָאס 'גֶעלְט'"! און אַזוֹי הָאבְּן זיי גֶעשְׁמוּעֶסְט נָאךְ, מִיט אַ 'אַנְדֶערְן'! – און עֶר הָאט אוֹיךְ, זיי נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט!

און זיי [דִי 'לַייט' פוּנֶעם 'בַּעַל-תְּפִלָּה'] הָאבְּן מִיט אִים וַוייטֶער גֶעוָואלְט שְׁמוּעֶסְן! – הָאט עֶר זיי גֶעעֶנְטְפֶערְט (דְהַיְינוּ: דֶער 'מֶענְטְשׁ' וָואס זיי הָאבְּן מִיט אִים גֶעשְׁמוּעֶסְט – הָאט עֶר זיי גֶעעֶנְטְפֶערְט): "וַוייטֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט צַייט מִיט אַייךְ צוּ שְׁמוּעֶסְן"! הָאבְּן זיי אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס"?!

הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בַּאֲשֶׁר [ווייל] מִיר בַּאדַארְפְן אַלֶע אַרוֹיס [אַוֶועקְגֵיין] פוּן 'דֶער מְדִינָה', אִין אַ 'אַנְדֶערֶע מְדִינָה' אַרַיין! – וָוארְן מִיר הָאבְּן גֶעזֶעהְן: אַז דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית', אִיז נָאר דָאס 'גֶעלְט'! – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] אִיז בַּיי אוּנְז גֶעבְּלִיבְּן [אָפְּגֶעמַאכְט]: אַז מִיר זָאלְן גֵיין צוּ אַזוֹי אַ [אַזַא] 'מְדִינָה', וָואס דָארְט מַאכְט מֶען 'גֶעלְט' (דְהַיְינוּ: ס'אִיז דָארְט [פַארְהַאן] אַזוֹי אַ [אַזַא] 'עֶרְד', וָואס דֶערְפוּן מַאכְט מֶען 'גָאלְד' און 'זִילְבֶּער')! – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] מוּזְן מִיר הַיינְט אַלֶע, גֵיין צוּ 'דֶער [דָאזִיגֶער אַנְדֶערֶער] מְדִינָה'"! און ווידֶער [אוֹיךְ] אִיז בַּיי זיי גֶעבְּלִיבְּן [גֶעוֶוען אָפְּגֶעמַאכְט]:

"אַז זיי ווילְן, אַז זיי זָאלְן הָאבְּן 'כּוֹכָבִים' און 'מַזָלוֹת' אוֹיךְ (דְהַיְינוּ: 'שְׁטֶערְן' און 'מַזָלוֹת' וָואס אִין הִימְל)"! דְהַיְינוּ: אַז דֶער וָואס עֶר הָאט 'אַזוֹיפִיל' און 'אַזוֹיפִיל' 'גֶעלְט', ווִיאַזוֹי זיי הָאבְּן דָארְט אוֹיסְגֶעזֶעצְט [בַּאשְׁטִימְט] דֶערוֹיף – 'דֶער' זָאל זַיין אַ 'כּוֹכָב' (דְהַיְינוּ: אַ 'שְׁטֶערְן')!

וָוארְן אַז עֶר הָאט 'אַזוֹיפִיל גֶעלְט' – הָאט עֶר זִיךְ דֶעם 'כֹּחַ' פוּן 'דֶעם [גֶעוִויסְן] שְׁטֶערְן'! – וָוארְן דוּרְךְ 'דֶעם שְׁטֶערְן', וַואקְסְט זִיךְ דָאס 'גָאלְד'!

וָוארְן [דָאס] וָואס ס'אִיז פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] 'עֶרְד', וָואס פוּן אִיר מַאכְט מֶען 'גָאלְד' – אִיז זִיךְ דָאס מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דִי 'שְׁטֶערְן'! – וָואס דוּרְךְ זיי, וַואקְסְט דָארְט אַזוֹי אַ [אַזַא] 'עֶרְד', וָואס פוּן אִיר מַאכְט מֶען 'גָאלְד'! [אִיז ווִיבַּאלְד] אַז 'דֶער מֶענְטְשׁ' הָאט 'אַזוֹיפִיל גֶעלְט' – [קוּמְט אוֹיס]: הָאט עֶר זִיךְ דֶעם 'כֹּחַ' פוּן 'דֶעם שְׁטֶערְן'! – אִיבֶּערְדֶעם [אִיז צוּלִיבּ דֶעם] אִיז עֶר אַלֵיין אַ 'שְׁטֶערְן'!

(אַזוֹי הָאבְּן זיי אַלְץ גֶעזָאגְט, דִי 'מְדִינָה' – וֶועדְלִיג [לוֹיט] זֵייעֶר פַארְפִירְטְקַייט [פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעטְקַייט] אִין דֶעם 'גֶעלְט')! און אַזוֹי [אוֹיךְ] הָאבְּן זיי גֶעזָאגְט: "אַז זיי ווילְן הָאבְּן 'מַזָלוֹת' אוֹיךְ"!

דְהַיְינוּ: אַז אֵיינֶער וֶועט הָאבְּן 'אַזוֹיפִיל' און 'אַזוֹיפִיל גֶעלְט' – ווִיאַזוֹי [וויפִיל] זיי הָאבְּן דֶערוֹיף אוֹיסְגֶעזֶעצְט [בַּאשְׁטִימְט] – 'דֶער' זָאל זַיין אַ 'מַזָל'! און אַזוֹי [אוֹיךְ] הָאבְּן זיי זִיךְ גֶעמַאכְט 'מַלְאָכִים'! אַלְץ וֶועדְלִיג [לוֹיט] דֶעם 'גֶעלְט'!

בִּיז ס'אִיז בַּיי זיי גֶעבְּלִיבְּן [אָפְּגֶעמַאכְט]: "אַז זיי זָאלְן הָאבְּן 'גָאטְן' אוֹיךְ"! אַז דֶער וָואס עֶר וֶועט הָאבְּן 'זֵייעֶר-פִיל גֶעלְט', אַזוֹיפִיל און אַזוֹיפִיל 'אֲלָפִים וּרְבָבוֹת' [טוֹיזְנְטֶער און צֶענְדְלִיגֶער-טוֹיזְנְטֶער] – ווִיאַזוֹי זיי הָאבְּן דֶערוֹיף אוֹיסְגֶעזֶעצְט [בַּאשְׁטִימְט] – 'דֶער' זָאל זַיין אַ 'גָאט'! וָוארְן אַז 'גָאט' גֶעבְּט אִים 'אַזוֹיפִיל גֶעלְט' – אִיז עֶר אַלֵיין אַ 'גָאט'!

נאמ: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (2)

**א. ווער האט געקענט זיין קעניג אין די מדינה פון עשירות?**
- ❑ ווער ס'האט געהאט אזויפיל אלפים ורבבות, וואס איז געווען ביי זיי אפגעמאכט אז פאר אזויפיל געלט איז מען א קעניג
- ❑ ווער ס'איז געווען זייער שטארק
- ❑ דער אייניקל פון ערשטן קעניג

**ב. ווער האט געהייסן א חי' אדער א עוף אין די מדינה?**
- ❑ ווער ס'האט זיך אויפגעפירט וואו א חי' אדער ווי א פייגל
- ❑ ווער ס'האט שטענדיג געוויינט צום אייבירשטן
- ❑ ווער ס'האט געהאט גאר ווייניג געלט

**ג. וואס האט דער בעל תפילה געזאגט אויף די מדינה פון עשירות?**
- ❑ ער האט זייער געקרעכצעט און געזאגט ווער ווייסט ווי זיי קענען נאך פארגיין דורך דעם
- ❑ ער האט גאר נישט געזאגט אויף זיי
- ❑ ער האט געזאגט אז זיי האבן מער נישט קיין האפענונג

**ד. מיט וועמען פון די מדינה של עשירות האבן די מענטשן פון בעל תפלה אנגעהויבן צו שמועסן?**
- ❑ מן הסתם מיט מענטשן וואס מ'רופט זיי א שטערן
- ❑ מן הסתם מיט מענטשן וואס מ'רופט זיי א חי'
- ❑ מן הסתם מיט מענטשן וואס מ'רופט זיי א מלאך

**ה. פארוואס האבן די מענטשן פון מדינה של עשירות געוואלט אריבער צו א אנדערע מדינה?**
- ❑ ווייל ס'איז געווען דארט אסאך עשירים
- ❑ ווייל פון די ערד פון די מדינה מאכט מען גאלד און זילבער
- ❑ ווייל משנה מקום משנה מזל

**ו. וועלכע דרגות איז געווען אין די מדינה של עשירות?**
- ❑ שטערן, מזלות,
- ❑ מלאכים, גאטן,
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## טיפער געטראכט

**וויפיל דרגות איז דער רבי מפרט – אז די מדינה של עשירות האבן געהאט, ר"ל ?**

## תשובות אויף די פריערדיגע וואך

**וויפיל און וועלכע זאכן האבן עוסק געווען דער בעל תפילה מיט זיינע לייט חוץ לישוב ?**

**זיבן זאכן, - תפלות, שירות, ותשבחות, ווידויים, תעניתים, סיגופים, תשובה**

**ב"ה אז דער טעלעפאן ליין ארבעט שוין און מען קען שוין מאכן די בחינות, רופט**

**646-585-3040    02-5-3333-72**

# ווער קען וועמען?

מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען שָׁאקִירְט צוּ הֶערְן אִיבֶּער דִי מִיאוּסֶ'ע אוּן נִידְרִיגֶע אוֹיפְפִירוּנְג פוּן דִי מְדִינָה פוּן גֶעלְט. יֶעדֶער אַיינְוואוֹינֶער דָארְט אִיז גֶעוָוארְן גֶעמָאסְטְן לוֹיט וִויפִיל גֶעלְט עֶר הָאט פַארְמָאגְט אִין זַיין קֶעשֶׁענֶע. אַ גְבִיר מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֲשִׁירוּת הָאט בַּאקוּמֶען אִיבֶּערְגֶעטְרִיבֶּענֶע כָּבוֹד אוּן חֲשִׁיבוּת, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט "זוֹכֶה" גֶעוֶוען צוּ פַארְדִינֶען גֶענוּג גֶעלְט, אִיז בַּיי זֵיי גָארְנִישְׁט וֶוערְד גֶעוֶוען. מֶען הָאט זֵיי אָנְגֶעקוּקְט נִישְׁט מֶער וִוי אַ חַיָּה אָדֶער אַ פוֹיגְל, אוּן מֶען הָאט זֵיי אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְגֶערוּפְן מִיטְ'ן טִיטְל "מֶענְטְשׁ". מֶען הָאט זֵיי פָּשׁוּט גֶערוּפְן אַ חַיָּה אָדֶער אַ עוֹף! אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט, זֶענֶען זֵיי נִישְׁט גֶעוֶוען מֶער וֶוערְד וִוי אַ פוֹיגְל...

אוֹיבּ הָאסְטוּ גֶעלְט - בִּיסְטוּ אַ מֶענְטְשׁ. אוֹיבּ הָאסְטוּ נִישְׁט קֵיין גֶעלְט - בִּיסְטוּ אַ חַיָּה!

פֶּעטֶער שְׁמַעְיָ' אִיז אָנְגֶעקוּמֶען פְּרַאוֶוען אַ שַׁבָּת בַּיי זַיינֶע קְרוֹבִים אִין יְרוּשָׁלַיִם, צוּ פַּייֶערְן דִי גֶעבּוּרְט פוּן זַיין עֶרְשְׁטְן אֵיינִיקְל. שְׁמֶעלְקֶע אִיז גֶעוֶוען הֶעכְסְט בַּאגַייסְטֶערְט; עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג לִיבּ גֶעהַאט צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט זַיין בַּאלִיבְּטְן פֶּעטֶער שְׁמַעְיָ' וֶועלְכֶער הָאט גֶעהַאט אַן אָפֶּענֶעם אוֹיעֶר אוּן זִיךְ כְּסֵדֶר נָאכְגֶעפְרֶעגְט מִיט גְרוֹיס אִינְטֶערֶעסֶע אִיבֶּערְן חֵדֶר אוּן אִיבֶּער דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אִין זַיין כִּתָּה. שְׁמֶעלְקֶע הָאט שׁוֹין קוֹים גֶעוַוארְט מִיט גְרוֹיס שְׁפַּאנוּנְג אַז דִי סְעוּדָה זָאל זִיךְ שׁוֹין עֶנְדִיגְן, כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען שְׁפַּאצִירְן גֶעמִיטְלֶעךְ מִיט זַיין טַייֶערְן פֶּעטֶער אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂיוֹת אוּן אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישְׁן.

גֵייעֶנְדִיג אוֹיפְן וֶועג צוּם שָׁלוֹם-זָכָר, הָאט שְׁמֶעלְקֶע מִיט גְרוֹיס בַּאגַייסְטֶערוּנְג דֶערְצֵיילְט: "אִיךְ הָאבּ פֶּעסְטֶע חֲבֵרִים אִין מַיין כִּתָּה, מֶעכְטִיגֶע יוּנְגְלֶעךְ וָואס זֶענֶען עֶכְטֶע חֶבְרָה-לַייט! לְמָשָׁל, אַיְיזִיק טְרָאגְט אַלֶעמָאל טַייעֶרֶע קְלֵיידוּנְג וָואס מְ'הָאט אִים סְפֶּעצִיעֶל גֶעקוֹיפְט אִין חוּץ לָאָרֶץ. דוּדִי הָאט אַ גַאנְצֶע בִּינְטְל מִיט שְׁלִיסְלֶעךְ, טֵייל דֶערְפוּן זֶענֶען אֲפִילוּ אֶמֶתְ'ע אוֹיטָא-שְׁלִיסְלֶעךְ! שׁוּקִי בְּרֶענְגְט מִילְכִיגֶע נַאשֶׁערַייעֶן אִין כִּתָּה אוּן עֶר טֵיילְט עֶס פַאר זַיינֶע נָאנְטֶע חֲבֵרִים. אִיךְ בַּאקוּם אוֹיךְ דֶערְפוּן...! אָה, אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן דִיר צוּ זָאגְן וֶועגְן רוּבִי. עֶר מַאכְט זִיכֶער אַלֶעמָאל צוּ זַיין זֵייעֶר, זֵייעֶר מְסוּדְרְ'דִיג. זַיינֶע פֵּאוֹת זֶענֶען פּוּנְקְטְלִיךְ גֶעדְרֵייט וִוי פְּלַאסְטִיק, אוּן עֶר טְרָאגְט גְלַאנְצִיגֶע עֶקֶעדִיגֶע בְּרִילְן. עֶר הָאט מִיר אֲפִילוּ דֶערְצֵיילְט אַז בִּיז עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט דִי בְּרִילְן, הָאט עֶר אָפְּגֶעזוּכְט זִיבְּן גֶעשֶׁעפְטְן (!) בִּיז עֶר הָאט גֶעפוּנֶען עֶפֶּעס שֵׁיין אוּן פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט אוּן סְ'הָאט אִים גֶעפַּאסְט..."

דֶער פֶּעטֶער שְׁמַעְיָ' הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן גֶעבְּלִיבְּן שְׁטִיל.

"הָאסְטוּ אוֹיךְ חֲבֵרִים אִין כִּיתָּה וָואס קֶענֶען מִשְׁנַיוֹת בַּעַל פֶּה, אָדֶער וָואס קוּמֶען פַארְטָאגְס לֶערְנֶען פַארְ'ן דַאוֶוענֶען?" הָאט שְׁמַעְיָ' גֶעפְרֶעגְט.

שְׁמֶעלְקֶע הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁטַאמְלֶען: "עֶע... אִיךְ

המשך אויף זייט 8

